Opłata pocztowa uiszczona ryczałtem.

Najer Folksblat פרייז 20 גראשען

הײנט 8 זײטען

# נייער פאלקסבלאט

אונפארטײאישע פאליטיש-געזעלשאפטליכע טאג-צייטונג

Nr. 33/1328 | Łódź, Wtorek 7 lutego 1928 r. | זעקסטער יאהרגאנג | לאדז, דינסטאג ט"ז שבט תרפ"ח | Nr. 33 1328

אדרעס פון רעדאקציע און אדמיניסטראציע: לאדז, פעטריקאווער 21, טעל. 71-24. | Adres redakcji i administracji: Łódź, Piotrkowska 21, tel. 2471

# אפיציעלע אונטערהאנדלונגען מיט ליטע

## זאלען זיך אנהויבען ד. 25 פעברואר אין קאפענהאגען

ווילנא, 6 (ספ. טעל.) פון קאוונא טיילט מען מיט: אין די רעגירונגס-קרייזען איז פארגעקומען א דעצידירענדע ענדערונג בנוגע די אונטערהאנדלונגען מיט פוילען.

וואלדעמאראס האט זיך דעצידירט אנצוהויבען די אפיציעלע אונטערהאנדלונגען מיט פוילען און שלאגט פאר אנצוהויבען די אונטערהאנדלונגען דעם 25 פעברואר אין קאפענהאגען.

## דייטשער טראנספארט קיין סאוויעט-רוסלאנד אויפגעריסען אין זשעשאוו.

### דער וואגאן איז גענצליך פערברענט געווארען.—דער אינהאלט פון טראנספארט איז נאך נישט פעסטגעשטעלט געווארען.

זשעשאוו, 6 (ספ. טעל.) הײנט 3 א זייגער בײטאג איז אין א וואגאן וואס האט געפיהרט א טראנספארט פון ברעסלוי קיין סאוויעט רוסלאנד, אויסגעבראכען אנ'עקספלאזיע. די סבה איז נאך ביז איצט נישט אויפגעקלערט. אין וואגאן האבען זיך געפונען אייזערנע פעסלעך. בעת דער צוג האט מאנעווירט אויף דער סטאציע האט די באהן דינערשאפט בעמערקט, אז פון וואגאן שלאגען זיך ארויס בלויליכע פייערלעך. דעם וואגאן האט מען באלד אפגעטיילט און ארויפגעפיהרט אויף א זייטיגער ליניע. אין א מאמענט ארום האט זיך דערהערט א שטארקער קלאפ, און איינע נאך דער אנדערער האבען אנגעהויבען אויפרייסען די פעסלעך אין וואגאן. דער אויפרייס איז געווען אזוי שטארק, אז אייזערנע טיילען פון די צעריסענע פעסלעך, זענען אוועקגעווארפען געווארען אויף 200 מעטער ווייט.

די פייערלעשער האבען זיך נישט געקענט דערנעהנטערען צום ברענענדען וואגאן און ער איז גענצליך פערברענט געווארען.

די באהן-בעוועגונג איז איבערגעריסען געווארען אויף 2 שעה.

וואס ס'איז געווען אין די אייזערנע פעסלעך איז נאך ביז איצט נישט פעסטגעשטעלט געווארען, איינס איז אבער זיכער, אז אין די פעסער איז נישט געווען קיין שפירט און נישט זויער-שטאף, ווייל מיט וואסער האט מען דאס פייער נישט געקענט איינלעשען.

## אויפרייס אין א קויהלען-גרוב

### 7 ארבייטער פערוואונדעט.

קאן, 6 (ספ. טעל.) אין קויהלען-גרוב לורוועג-וואקארט איז פארגעקומען א גאז-אויפרייס, וואס האט זיך צופעליג פערענדיגט אהן א גרויסער קאטאסטראפע.

7 ארבייטער זענען פערוואונדעט געווארען.

## א „מתנה" פון א תכשיט...

### א שילער שיקט זיין לעהרער אלס נקמה פאר א שלעכטע שטופע אנ'אויפרייס-מאשין.

וויען, 6 (אטע) „מארגען" טיילט מיט, אז דער פראפעסאר פון רעאל-שולע ד"ר מאגער האט דערהאלטען די טעג א שאכטעל, כלומרשט מיט א ראדיא-אפאראט. ס'האט זיך ארויסגעשטעלט אז אינ'ם שאכטעל איז געווען אנ'אויפרייס-מאשין, וואס איז אנגעלאדען געווען מיט א קילאגראם שיס-פולווער.

די מאשין האט דעם פראפעסאר געשיקט א שילער אלס נקמה פאר שלעכטע שטופען. די מאשין האט נישט אויפגעריסען.

## באנק פאלסקי וועט די קרעדיטען נישט בעגרענצען.

ווארשא, 6 (טעלעפאניש פון אונזער קארעספאנדענט). אין צוזאמענהאנג מיט די קלאנגען וואס האבען זיך פערשפרייט, אז צוליב דעם אונגינסטיגען האנדעלס - בילאנץ, וואס קאן ווירקען אויף דער פערקלענערונג פון וואלוטע אין לאנד זאל די באנק פאלסקי פערקלענערען די קרעדיטען און איינפיהרען געוויסע בעגרענצונגען דערוויסען מיר זיך, אז סיי דער פינאנץ-ראטגעבער, סיי די באנק פאלסקי און סיי דער פינאנץ-מיניסטער האבען פארויסגעזעהען, אז ס'קען קומען א מאמענט ווען דער עקספארט וועט ווערען קלענער ווי דער אימפארט און האבען זיך אזוי פערזיכערט, אז דאס זאל נישט האבען קיין השפעה אויף דער לאגע.

די ביז-איצטיגע כלומר'שטע גלייכגעוויכט איז געווען א קינסטליכע. און ס'זענען איצט נישט איינגעטראטען קיין שום ספעציעלע מאמענטען, וואס זאלען בעדראהען דעם פינאנציעלען צושטאנד. די באנק פאלסקי פלאנעוועט דעריבער נישט קיין שום בעגרענצונגען און איינשרומפונג פון קרעדיטען א. אז. וו.

## די לויה פונ'ם שוסטער זשעפא

ווארשא, 6 (טעלעפאניש פון אונזער קארעספאנדענט) היינט איז פארגעקומען די לויה פונ'ם שוסטער זשעפא וואס איז דערהרג'עט געווארען אין אפאלא אויף א וואהל-מיטינג.

צו דער לויה איז געקומען אנ'עולם פון איבער 3 טויזענט מאן. פערבייגייענדיג די בונדישע „היים" אויף פושעיאזד, האבען די מלוים איינגעארדענט א פיינדליכע דעמאנסטראציע.

אויף דער סמאטשע האט מען אויסגעשפאנט די פערד פון דער עגלה און אליין זי אוועקגעפיהרט צום בית-עולם. די פאליציי האט אבער קיינעם אויסער די נאהנטע קרובים אויפ'ן בית-עולם נישט אריינגעלאזט. ביים אפענעם קבר זענען קיין רעדעס נישט געהאלטען געווארען.

4

לאדזער וואהל-קאמיטעט פון אלגעמיינעם יודישען ארבייטער-בונד „בונד" אין פוילען.

פרייטאג, דעם 10-טען ה. ח. 8 א זייגער אין אווענד קומט פאר אין קינא-זאל „אימפעריאל" עק זאוואדזקא און זאכאדניא א

קאנצערט-וואהל-מיטינג

ווער איז שולדיג

אין נישט-צושטאנדגעקומענעם וואהל-בלאק

פון „בונד" און „פ. צ."

ענטפערן אויף דער פראגע וועלען די ח"ח: י. ליכטענשטיין, י. ווילנער (פאט), ג. זיבערט (ווארשא), ראזא אייכנער א. אנד.

דעם קאנצערט-טייל וועט אויספיהרען דער לאדזער סימפאנישער ארקעסטער

בילעטען צום פרייז פון 30 און 50 גראשען צו בעקומען אין ארבייטער-ווינקעל (פאלודניאווא 20), אין וואהל-ביורא (פאמארסקא 18) און אין טאג פון מיטינג ביי דער קאסע פון „אימפעריאל".

4




דאנקזאגונג.

מיר דריקען אויס דעם הערצליכסטען דאנק די

געברידער טאובע

אין אונזער, ווי אויך אין נאמען פון אלע אנוועזענדע געסט, פאר זייער הערליכעס און צופרידענשטעלענדעס שפילען אויף אונזערע קינדער'ס שמחה.

מיט אכטונג י. גרונים.

אנאנסען אין „נייעם פאלקסבלאט" האבען דעם גרעסטען ערפאלג!

הײנט, דינסטאג, דעם 7-טען פעברואר, 1 א זייגער בייטאג קומט פאר אויפ'ן בית-החיים

א הזכרה און די ענטהילונג פון דער מצבה

פון מיין ליבען מאן און אונזער טייערען פאטער

הערש נאדעל ז"ל

אלע קרובים, פריינד און בעקאנטע ווערען געבעטען צו קומען אין דער בעשטימטער שעה.

פרוי און קינדער.

דאנקזאגונג,

די אלע, וועלכע האבען ארויסגעוויזען אזוי פיל פריינדליכקייט און מיטגעפיהל און אנטיילגענומען ביים אפגעבען דעם לעצטען כבוד פון אונזער טייערען

נ. ע. יעקב יונגסטער

דריקט אויס דעם הארציגסטען דאנק

די פאמיליע.

